"Radomer-Kielcer Leben" 30 (370) „Należytość pocztową wiszczono ryczałtem" VIII-ער יאָהרגאַנג פרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

היינט 8 זייט.

Radom, dnia 31 Lipca 1931 r.

ראַדאָם, פרייטאג, יז' מנחם אב תרצ"א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען-פּרייז:

אַ מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.
" " " " אין " 60 "
" " " " נאָכ'ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען
" " אין טעקסט 4 "

## אכטונג.

איך מאַך בעקאַנט דאָס די בעוויסטע **יאטקע** פון **זיסקע זיגעלשטיין**

פערקויפט דאָס בעסטע **רינדערין כשר פלייש** צו 1.40

און דאָס בעסטע **קאַלב פלייש** צו 1.40

**קילינסקיעגאָ 19** (עק זגאָדנע).

Mania Breslaurówna ⁂ Izaak Zelechowski

ZAŚLUBIENI

LIPIEC 1931 r

## וואָרנונג.

איך פאָדער אויף דעם ה' **יעקב טענענבוים** וואָל 21 (פון זוואָלין) ער זאָל אָבשטעלען זיינע אונבעגרינדעטע נידערטרעכטיגע און שמוצינ-קליינשטעטלדיגע רכילות-כרייפעריי געגען מיין פערזאָהן. איך האָב ביז יעצט נישט געפונען פאר נויטיג אויף דעם צו רעאגירען, נאָר אזוי ווי זיין האנדלונג נעמט שוין לעצטענס אָן א העסליכען-מוסרישען כאראקטער בין איך דעריבער געצווינגען דורך דער עפענטליכקייט איהם מתרה צו זיין, ער זאָל זיינע אומווירדיגע שטיק אָבשטעלען. אין געגענפאל נעם איך אראָב פון מיר יעדע פעראנטוואָרטליכקייט פאָר די וויטערדיגע קאָנסקווענצען און וועל איך בעקאַנט מאַכען דער עפענטליכקייט פערשידענע איינצעלהייטען, וואָס וועלען ענטפלעקען דאָס אמת'ע פרצוף זיינס, וועלכע וועלען איהם געוויס קיין גרויס כבוד נישט פערשאַפען.

**ש. רובינשטיין.**

די קאָנצעסיאָנירטע

## צושניידער-שול

פון **ה. ל. גאָלדשטיין**, בענדיו, קאָללאָנטאַיא 45

מאכט באקאנט, דאָס אום אויסצונוצען דעם חודש שערפיען ווען שניידער זענען ווייניג באשעפטיקט, און צוליב דעם קריזיס, וואָס הערשט אין שניידער-פאך, ווערט איינגעאָרדנט ביי דער שול א 4 וואָכעדיקער

## גרופּן-שניידער-קורס

פאַר אַ הנחה-פרייז נעמליך אנשטאַט 200 זל. 125 זל.

פארשרייבן קען מען זיך פערזענליך אין קאָנצעלאריע פון דער שול יעדן טאָג פון 4 ביז 8 נ. מ. ווי אויך בריוולעך. צוגערייזטע ווערן פארזאָרגט מיט ביליגע וואוינונג און קעסט.

דער גרופען קורס פאַנגט אָן מאָנטאָג דעם 3 טן שערפּיען אים 10 אָז. פרי. נאָכ'ן ענדיגען בעקומט דער שילער א דיפלאָם, מיט רעגירונג'ס-רעכט.

נוצט אויס די געלעגענהייט. פּראָספּעקטן גראַטיס.

## עפענטליכע ערקלערונג.

איך ערקלער, אז לויט דעם פסק דין פון ראדאָמער רב ר' **יחיאל קעסטענבערג** טוה איך צוריק ציהען די אַלע בעשולדיגונגען וואָס איך האָב געוואָרפען אויפ'ן אדרעס פון די ה"ה **יואל גאָלדפאָרב** און **אברהם טענענבוים**.

**משה קליינמאַן.**

# CYRK
## STANIEWSKICH

**w RADOMIU**
**Na Placu Jagiellońskim**

OTWARCIE CYRKU
**W PIĄTEK dnia 31 LIPCA o godz. 8.30**

אַ נייער און פערשידענארטיגער פּראָגראַם

העכסט-אינטערעסאַנטע אטראַקציעס.

# נאר אלץ מכח די הינטער-קוליסען-פאליטיק ארום דער גמינע.

אין צוזאמענהאנג מיט דער גאטיק „די הינטער-קוליסען ארום דעם אויפוואהל פון א פרעזעס אין גמינע-פערוואלטונג", וואס איז געדרוקט אין ראדאמער קעלצער-לעבען" פון פאריגע וואך, האבען זיך צו אונז בעווענדעט אייניגע פראקציעס פון דער קהלה וועגען געוויסע אויסבעטערונגען.

אזוי למשל ווערען מיר געבעטען פון ארטאראקסישען בלאק (№ 4) צו אינפארמירען פאלגענדע פרטים:

1) הרב טייטעלבוים האט זיך נישט געווענדעט צום „סטאראסטא" דאס צוליעב דעם וואס עס איז שוין נאכ'ן 3-טען טאג פון די שבעה, דעריבער וויל ער נעמען א אנטייל אין די וואהלען פון א פרעזעס, נור ער האט מיטגעטיילט אין דעם בריעף, דאס צוליעב דעם וואס די וואהלען פון א פרעזעס האבען פאר איהם א וויכטיגע בעדייטונג אין די וואהלען.

2) אין דעם אזוי גערופענעם ארטאדאקסישען בלאק (№ 4) נעמען א אנטהייל נישט נור די מזרחי'סטען און אונפארטייאישע ארטאראקסען, נור אויך די „אגודה", וועלכע האבען איינשטימיג ארויסגעשטעלט די קאנדידאטור פון דעם יעצט געוועהלטען פרעזעס ה' זילבערבערג, די „אגודה" האט אויך גענומען א אנטהייל אין די אונטערהאנדלונגען מיט די ציונים און עס איז געקומען צו א איינשטימיגען בעשלוס וועגען די קאנדידאטור.

3) די ארטאדאקסען פון הרב קעסטענבערגס צד האבען תחילת געשטרעבט נישט צו האלטען דעם אבמאך, און נור די לעצטע מינוט זעהענדיג דאס זיי וועלען נישט זיעגען, האבען זיי דאן מיטגעשטימט אויף די קאנדידאטור וואס איז געווארען ארויסגעשטעלט דורך די „ציונים" „מזרחי" „אגודה" „אונפארטייאישע ארטאדאקסען" און האנדווערקער.

# די האנדווערקער-פראקציע פון קהלה-ראט די שעפער פון אבמאך.

די אייגענטליכע שעפער פון אבמאך צווישען די קהלה-פראקציעס, לויט וועלכען ס'איז געווארען בעשלאסען, אז דער פרעזעס פון ראט זאל געוועהלט ווערען פון די פעראייניגטע פיער ליסטעס (ארטאדאקסען און דעמאקראטען) און אלס פרעזעס פון דער פערוואלטונג זאל זיין א ציוניסט, אדער א מזרחיסט — זענען געווען די האנדווערקער-פרנסים. די לעצטע האבען דערביי געשטעלט א אילטומאטום, דאס אויב עמיצער וועט נישט נאכגעבען זייער קאספראמיס וועלען זיי אוועקגעבען זייערע שטימען דעם צד, וועלכער וועט מיט זיי מסכים זיין. אזוי ווי די וואהלען פון א ראט-פרעזעס זענען דורכגעפיהרט געווארען לויט דעם אויסגלייך פון אבמאך, האבען די האנדווערקער-פרנסים דאס זעלבע געפאדערט בעת די וואהלען פון א פרעזעס אין דער פערוואלטונג.

לויט די מיינונג פון דער האנדווערקער-פראקציע וואלט נישט געפועל'ט, נישט די שטים פון מורה הוראה ר' מענדעל קעסטענבערג און אויך נישט די שטים פון מורה הוראה טייטעלבוים. מחמת קיינער פון די צוויי געגנערישע פראקציעס וואלט מיט זיי נישט געהאט קיין מעהרהייט. אין דער פערוואלטונג וואלט אין אזא פאל געווען הרב קעסטענבערג'ס צד רעפרעזענטירט מיט 5 מיטגלידער (שוין אריינגערעכענט די שטים פון מורה הוראה ר' מענדעל סקארישאווער) און דער בלאק אגודה, ציוניסטען, מזרחיסטען וואלטען מיט מורה הוראה טייטעלבוים'ס שטים געהאט נישט מעהר ווי 6 שטימען. אויף אזא אופן איז ווידער געווען אבהענגיג די ענטשיידונג פון דער מעהרהייט פון די צוויי האנדווערקער-ראטרעס אין דער פערוואלטונג, און טאקע דא האבען די לעצטע קאטעגאריש געפאדערט צו צו פאסען זיך צום אבמאך, ד"ה. אז ס'זאל געוועהלט ווערען אלס פרעזעס פון דער פערוואלטונג, א ציוניסט, אדער א מזרחיסט, דראהענדיג אין געגענפאל זיך צו פעראייניגען מיט דעם צד, וואס האלט זיך ביים געשלאסענעם אבמאך.

לויט אט דער אילטומאטיווער שטעלונג פון די האנדווערקער, איז אלזא איבריג געווען די השתדלות'ען פון ביידע מורי הוראות אין דער פטאראסטווא וועגען זייער אנטייל אויף רער זיצונג, ווייל ס'וואלט געווען לא מעלה ולא מוריד און דער עיקר ראליע ביים שאפען די איבערוויגענדע מעהרהייט האט געשפיעלט די האנדווערקער-פראקציע.

קאנטען מענש וויינט מען? פערקעהרט, דאכט זיך, מ'בדויך זיין נאר צופרידען. איך פערשטעה נישט וואס דו וויינסט.

— מאריץ, מאריץ. דו ווייסט נישט ווען דער ה' מ. איז — האט רבקה'לע אויפגעהויבען דעם קאפ און מיט פייכטע אויגען גערעדט — איך האב געקענט זיינע עלטערען. די שענסטע מענשען פון שטעטעל געווען. די גרעסטע גבירים, אויף האניג אין זייד איז ה' מ. ערצויגען געווארען, און איצט, איצט, גיב נאר א קיק אויף איהם ווי ער זעהט אויס. פאר וואס זאל איך נישט וויינען ווען איך האב איהם געטראפען אין אזא מצב?—

— אבער וואס קאן מען טוהן. דאס לעבען איז אזוי אונערבארמיג — האט סאמעלסאהן געטרייסט זיין פרוי — מילא, וואס קאן דא זיין, וועלען מיר איהם שטיצען דעם ה' מ. איך שפער דיר נישט. טהו פאר איהם וואס דו קענסט. איך האב אין תחילת נישט פערשטאנען, וואס דו האסט איהם אריינגערופען אין קאבינעט און וואס פאר א סוד דו האסט מיט איהם. האט מיר טאקע געווינדערט און איך בין וואס אנ'אמת, טאקע טשעקאווע געווען אייך יעצט וועגען דעם איבערצופרעגען. איצט איז מיר שוין קלאר און פערשטענדליך.

— וואס דען האסטו געמיינט, מאדיק'ל, אז איך פיהר מיט דעם ה' מ. א ראמאן, ביסט טאקע געווען אייפערזיכטיג? — האט רבקה'לע יעצט געלין... קוקט איהר מאן אין די אויגען אריין מיט א טרערען-שמייכעלע.

— כ'האב אליין נישט געוויסט וואס צו טראכטען. כ'האב נישט פערשטאנען, וואס פאר א געהיימען געשפרעך די קאנסט האבען מיט א פרעמדען מאנספערשוין. יעצט איז מיר שוין אלץ ריכטיג — האט זיך ה' סאמעלסאהן פערענטפערט און ענטשולדיגט פאר זיין פרוי. — איך בין נישט געווען חלילה אייפערזיכטיג. איך קאן צו גוט דיין עהרליכקייט, רבקה'לע, איך האב זיך נאר בלויז געווינדערט און געווען נייגעריג —

אונזער געשפרעך האט זיך געענדיגט. ה' סאמעלסאהן האט מיך איינגעלאדען ארויפצוקומען צו איהם מארגען און איך האב זיך געזעגענט. שוין שטעהענדיג ביי דער טהיר אין קארידאר, איז רבקה'לע געלאפען אנצינדען פאר מיר די עלעקטריע כ'זאל זעהן ארויסצוגעהן. אבער איידער זי האט געמאכט ליכט האט זי מיר דערלאנגט אויף שנעל אין דער פינסטער א קוויטעלע. ווען איך בין ארויס און אראב צו מיר אין וואהנונג האב איך געליינט און נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויגען. אין בריוועלע איז געשטאנען, אז רבקה'לע בעט מיך קומען מארגען 10 פריה אין זאקסישען גארטען אויף דער און דער אלעע, וואו זי וועט ווארטען אויף מיר. זי האט מיט מיר וויכטיגס צו בעשפרעכען.

(פארטזעצונג קומט).

# גארבאטקע.

אין צוזאמענהאנג מיט דער יאהרצייט פון ציוניסטישען מנהיג ד"ר מעאדאר הרצל איז אין גארבאטקע געמאכט געווארען א הזכרה פיט'ן אנטייל פון ראדאמער חזן ה' קופער. צומארגענס. זונטאג איז פארגעקומען א זאמעל אקציע פאר'ן קרן-קימת-לישראל אין דער שפיץ פון דער אקציע זענען געשטאנען די ציוניסטישע עסקנים מ. ל.

פישמאַן און יהודה קופּמאַן. אין דער אַקציע, וועלכע איז דורך מיט אַ געהע-ריגען ערפאָלג האָבען אַנטייל גענומען מיטגליעדער פון: „וויצאָ", „מסדה", „ברית הצ'ה'ר". „השומר הצעיר" און „מזרחי".

פאַריגע וואָך האָט דאָ געוויילט אויף אַ אויספלוג דער ראַדאָמער „ברית טרומפּלדור" מיט זיין אָרקעסטער. די טרומפּעלדאַריאַנער האָבען זיך איינגע-אָרדענט אין אַ סקויטישען לאָגער, וועל-כער האָט צוגעצויגען הונדערטער מענ-שען. זונטאָג האָט דער „בּיתר" איינגע-אָרדענט א פּראָפּאַגאַנדע - מאַרש איבער גאַרבאַטקע און דערנאָך אדורכגעפיהרט אַ זאַמעל - אַקציע לטובת דער אָרקעס-טער. אין אָווענד איז אין לאָגער איינ-געאָרדענט געוואָרען אַ קאָנצערט פון דער אָרקעסטער, וועלכער איז אדורך מיט אַ גרויסען ערפאָלג.

# פון פערבאַנד „מסדה".

אויף דער לעצטער סעסיע פון צענט-ראַל-קאָמיטעט פון „מסדה" אין פוילען וועלכע איז פאָרגעקומען אין וואַרשא, איז אָנגענומען געוואָרען אַ בּעשלוס לויט וועלכען דאָס זיץ-אָרט פון דער קריין-לייטונג פאַר דער קעלצער וואָיע-וואָדזשטוואָ פון פערבאַנד פון שילער ציוניסטען — רעוויזיאָניסטען „מסדה" ווערט בעשטימט ראַדאָם. אין דער הנה-גה גלילית געהען אריין 3 מסדה'ער פון ראַדאָם און 2 מסדה'ער פון קעלץ. אין קורצען וועט אויך פאָרקומען אַ כנוס גלילי פון אַלע אָפּטיילונגען אויף דעם שטח פון דער קיעלצער וואָיע-וואָדזשטוואָ.

די הנהגה וועט אויך אין דער קור-צסטער צייט אדורכפיהרען אַ ווערבי-רונגס - אַקציע פון נייע מיטגליעדער און סניפים אין די בעזונדערע שטעדט. די שטעדט וועלכע ווילען זיך שטעלען אין קאָנטאַקט מיט דער הנהגה גלילית ווערען געבעטען צו מעלדען וועגען דעם, אויף דעם פאָלגענדען אדרעס: ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. ראַדאָם לו-בעלסקאַ 52 פאַר „מסדה".

# אַרעסטירט פאַר אונטערהעצען רעקרוטען.

אויפ'ן פּלאַץ, וואו ס'ווערען געמאַכט מיליטערישע איבונגען, האָט אַ געוויסער באַראַנסקי הענריק געהעצט די רעקרו-טען זיי זאָלען זיך נישט „טשוויטשען" און נישט פאָלגען די עלטערע פיהרער. באַראַנסקי'ס פּאָרוטשניק האָט פערער-דענט די אונטער-אָפיצירען איהם צו-פערהאַלטען און אָבפיהרען אין „וואַר-טאָווני". אויפ'ן וועג האָט באַראַנסקי מיט פערשידענע אויסדרוקען בעליידיגט די זעלנער, וואָס האָבען איהם געפיהרט. באַראַנסקי איז אַ ראַדאָמער פון אָבאָ-זשיסקאַ. ס'ווערט געגען איהם פער-פיהרט אַ אויספאָרשונג.

דערווייל איז ער אַרעסטירט.

# נישט געלונגענער אָנפאַל אין דער ראַדאָמער אַמוניציע - פאַבּריק.

מיט אַ צייט צוריק איז אין דער ראַדאָמער מלוכה'שער געוועהר-פאַבּריק אָבגעזאָגט געוואָרען פון זיין שטעלע דעם אַרבייטער ציעפּליעווסקי דערפאַר, וואָס ער האָט טראָץ דעם פערבאָט, גע-רויכערט פּאַפּיראָסען אין דעם צימער, אין וועלכען ס'האָבען זיך געפונען אַזעלכע לייכט-אויפפלאַמענדע מאַטער-יאַלען ווי בענזין נאַפט א. ד. גל.

די טעג איז ציעפּליעווסקי געקומען אין פאַבּריק און בעגעגענדיג דעם אינזש. ציכאַצקי, איז ער אויף איהם אָנגעפאַלען און אויף איהם אויסגעשאָסען פון אַ רעוואָלווער. די קויל האָט נישט געטראָפען, נאָר דער אינזש. ציכאַצקי האָט זיך געוואָרפען אויף ד'ערד, מאַכענדיג זיך, ווי ער זאָל זיין טוידט, דאַן איז ציעפּליעווסקי צו צום לי-גענדען און צושטעלענדיג דעם רעוואָל-ווער צו זיין קאָפּ, האָט ער אַ ציה גע-טוהן פאַר'ן צינגעל. דער רעוואָלווער, אויף וועלכען עס האָט זיך געפונען דער סטעמפּעל פון אַ רוסישער געוועהר-פאַבּריק, האָט זיך אָבער פערהאַקט און נישט אויסגעשאָסען.

די אָנגעלאָפענע אַרבייטער האָבען ציעפּעלעווסקי'ן פערהאַלטען און איהם איבערגעגעבען דער פּאָליציי.

# סוועדט געעפענט אַ פּאָווש. שולע מיט רעגירונג'ס-רעכט.

דער בעקאַנטער העבּרעאישער פּע-דאַגאָג מילמאַן עפענט אין ראַדאָם אַ פּאָוושעכנע שולע מיט פולע רעגירונגס-רעכט. די שולע וועט האָבען 7 קלאַסען („אָדזיאַלען") און וועלען פאָרשטעלען מיט זיך אַ 4-קלאַסיקן גימנאַזיאַל-קורס.

די יודישע למודים וואָס וועלען בע-שטעהן פון תנ"ך, גמרא, העבּרעאישע ליטעראַטור וועלען זיין צוגעפּאַסט צום פּראָגראַם פון דער בעריהמטער מיטעל-שולע „תחכמוני" אין וואַרשא.

# אַ מעשה שהיה
## (במקום אַ פעליעטאָן).

חברים בעלי - מלאכות
איך פאָדער אייער עצה
זאָגט לכל הפּחות
ווי טיילט מען דאָ די מוצא

ווען מיר האָבען בענקלעך צוויי
אָבער זיצער'ס גאָר א סאַך
זאָגט-זשע קלאָר און אָהן א דריי
וואָס טוט מען דאָ מיט יעדער פאַך.

עס ווילען זיצען שניידער מענער
און עס ווילען אויך די שוסטער
דאַמען - שניידער, גרויסע קענער
און אויך אַנדערע פאַר מוסטער.

זייט א חכם צו באַווייזען
אַט די אַלע העררען
איך וועל אייך זיכער זעהר שעצען
און אייער עצה נעמען גערען.

אַ בעראַטונג רופט זאָפאָרט
פון חברים פון די בעסטע
זאָל מען הערען זייער וואָרט
און באַשליסען שטאַרקע, פעסטע.

איך אַליין וועל זיך נישט מישען
אין וועל וואַרטען גאַנץ געדולדיג
ווער עס וויל זאָל דאָ געניסען
אָבער מאַכט מיך נאָר נישט שולדיג.

און ר' מענדעלע דער געלער
מיט זיין גרויסען שטעקען
איז אַוועק צו אַלע וועהלער
זיי צורופען, וועקען:

איילט חברים נאָר וואָס גיכער
דאָרט צו די מאַנדאַטען
איהר מעגט זיין אַלע פאָלקאָם זיכער
דאָס עס וועט אייך גאָרנישט שאַטען.

געקומען איז א גרויסער עולם
פרעזעסען, פאָרשטעהער די גרעסטע
חס ושלום נישט קיין גולם
נאָר טאַקע די קלוגסטע און די בעסטע.

אָט די בעסטע פון די פאַכען
רופען אָן די קאַנדידאַטען
אים כדי די ליסטע שאַפען
און צוטיילען די מאַנדאַטען.

זאָגט מען משה, זאָגט מען זלמן
מענדעל, יאָקעל, גרשון, זרח
זאָגט אַ צווייטער חבר קלמן
זאָגט א דריטער זאָל זיין ברוך.

אַוועק א טאָג, אַוועק אַ נאַכט
און קיין סוף האָט נישט גענומען
מ'האָט געקלערט און אַלץ געטראַכט
ביז דער טערמין איז געקומען.

איז א וואונדער דאָ געשעהען
פשוט א נס מין השמים
אַז פון אָט די אַלע צעהן
אין אַרויס בנימין, חיים.

מען האָט געמיינט עס איז אַ טעות
אָדער גלאָט עפּעס א דריי
אָבער ניין עס איז נפלאות
און מען מיינט דאָ טאַקע זיי.

ר' בנימין און ר' חיים
יעדער אויף זיין אָרט
געשיקט מין השמים
דורך זיין הייליג וואָרט...

מיר פערגינען זיי דעם זיצען
אָבער זיי מוזען דאָ געדענקען
אַז לויט די מעשים וועט מען זיי שטיצען
און אונזער צוטרוי שענקען.

זיצט זשע אויף די ערטער
און גייט א גלייכען וועג
קומט נישט אָב מיט ווערטער
נאָר טהאָטען גוטע אָהן א ברעג.

**יעקב —י.**

# קעלצער אבטיילונג.

## דער פינאַל פון שטורמישע „עלעקטראָווניע" = קאַמף אין שטאָדט = ראַט.

זייט א לענגערע צייט פיהרט זיך שוין אין קיעלצער שטאָדט-ראַט אַ שטורמישער קאַמף אַרום א... פאַראַגראַף 12.

די קיעלצער עלעקטראָווניע געהער ווי בעקאַנט, אלס אייגענטום צו אַ בעלגיש-דייטשער פירמע. נאָך אין יאהר 1927 האָט די שטאָדט-פערוואַלטונג געמאַכט אַ אָבמאַך מיט דער דאָזיגער געזעלשאַפט. אין דעם אָבמאַך אין צווישען אַנדערע פערהאַן אַ פאַראַגראַף 12 וואָס זאָגט אַז דער מאַגיסטראַט האָט דאָס רעכט אין יאהר 1935 אַנצוקויפען די עלעקטראָווניע אין 3 צאָהלונגס-ראַטעס. אין יאהר 1945 ווידער, האָט די רעגירונג דאָס רעכט צו קויפען די עלעקטראָווניע.

לעצטענס האָט די דערמאָנטע בעלגישע געזעלשאַפט אָנגעהויבען פיהרען אונטערהאַנדלונגען מיט'ן מאַגיסטראַט, אַז זי זאָל פערלענגערן דעם פאַראַגראַף 12 אויף נאָך 10 יאהר. אלס דעקאָמפענסאַטע דערפאַר האָט די פירמע געוואָלט אויפבויען אין קיעלץ אַ טראַמוואַי-ליניע אין דער ווערט פון 3 מיליאָן זלאָטעס דער שטאָדט ראַט האָט אָבער דאַן דעם פאָרשלאָג אָבגעוואָרפען.

מיט אַ צייט צוריק האָבען זיך די אונטערהאַנדלונגען בענייט און אלס רעזולטאַט דערפון האָבען אַ טייל ראַטמענער און כמעט אַלע מאַגיסטראַט-מיטגלידער געפאָדערט, אַז דער שטאָדט ראַט זאָל אַקצעפטירען די ענדערונג פון פאַראַגראַף 12. איצט אָבער האָט שוין דער מאַגיסטראַט געפאָדערט נור 1 מיליאָן זלאָטעס אין מזומנים. געגען דעם איז שאַרף אַרויסגעטרעטען אַ העלפט פון שטאָדט-ראַט, וועלכער האָט אויפגעוויזען, אַז דער דאָזיגער אָבמאַך איז אַ אונגינסטיגער פאַר דער שטאָדט, ווייל פאַר דער עלעקטראָווניע איז דאָס ענדערען פון דעם פאַראַגראַף 12 ווערט אַ קאָלאָסאַלע סומע און נישט בלויז איין מיליאָן זלאָטעס.

אויף דער לעצטער זיצונג אָבער איז דער פאָרשלאָג אָנגענומען געוואָרן מיט אַ קליינער מערהייט. די יודישע ראַטמענער האָבען געשטימט — צוטיילט.

## שטאָדטישע אויטאָבוסען אין קעלץ

אויף דער לעצטער שטאָדט-ראַט זיצונג איז אָנגענומען געוואָרען אַ אָפערטע פון אַ סובאַלקער פירמע „איינצואָרדנען אין קעלץ שטאָדטישע-אויטאָבוסן.

לויט דעם אָבמאַך מיט דער פירמע, וועלען קורסירען 4 אויטאָבוסן. דער פרייז פון אַ בילעט וועט זיין 25 גר.

די אויטאָבוסען וועלען קורסירען שוין דעם קומענדען חודש.

## מיטעלאַלטערישע אנטיסעמיטישע מעטאָדען אין קעלץ.

### אַ שטאָדט = קיוואַרטאַל, וואו יודען טאָרען נישט וואוינען.—אַ קרייץ מיט אַ העברעישע אויפשריפט — פאַרוואָס שווייגען די יודישע געזעלשאַפטליכע רעפּרעזענטאַנטען?

פאַר פיעל קיעלצער יודען וועט עס געוויס זיין אַ אונאַנגענעהמער סיורפריז, ממש אַ אונגלויבליכקייט, ווען מיר וועלען איבערגעבען אַז אויף די היעגע גאַסען: מאַרשאַלקאָווסקא און נאַוואָמיעסקא טאָרען נישט וואוינען קיין יודען ביז'ן 7-טען דור.

ווי טרויעריג דאָס זאָל נישט זיין, איז עס אָבער פאָרט אַ פאַקט. דער אייגענטימער פון די פלעצער אויף די דערמאָנטע גאַסען, דער ענדעקישער אדוואָקאַט גושטשאַשעווסקי, האָט פערקויפט דעם באָדען בתנאי, אַז ביז'ן 7-טען דור טאָר דאָרט קיין יוד ניט קויפען אַ הויז.

אין נאָך דאָס געווען פאַר איהם ווייניג, האָט ער, מיט אַ ספעציעל אויסגערעכענטער כונה, אויפגעשטעלט אין דער דערמאָנטער געגענד אַ קרייץ מיט אַ שטיין, אויף וועלכען ס'זענען אויפגעשריבען פאָלגענדע העברעישע ווערטער:

„Krzyż ten postawił
Marjan Grzegorzewski
Panu Bogu na chwałę
Ludziom dla pamięci
Aby ojczyznę swą miłowali
I ziemi polskiej
W ręce żydowskie
Nie oddawali".

אין טאָג טעגליך, ווען די הונדערטער בעאַמטע, די טויזענטער קינדער, וואָס בעוואויגען יענע גאַסן געהן פערביי דאָס אָרט מוזען זייערע בליקען פאַלען אויף דעם קרייץ און דערביי, אויף דער העברעישער אויפשריפט פון דעם שטיין...

געגען בעסטען ווילען ווערט ביי יענעם קריסטליכען דורכגעהער איינגעבירגערט אַ שנאה און אַ ווידערגעפיהל צו די יודען.

עס איז אַ סקאַנדאַל, אַז דאָס זאָל נאָך היינט געשעהן. לויט ווי עס דערצעהלען מענשען פון עלטערען דור זענען אין קעלץ געווען הייזער, וואו יודען האָבען נישט געטאָרט דורך זיי אַפילו פערבייגעהן, אָבער דאָס איז געווען מיט 50 יאָהר צוריק, ווען יודען האָבען זיך ערשט אָנגעהויבען בעזעצען אין קעלץ. איצט אָבער זאָל זיך טרעפען אַזאַ אָפענער זאָאָלאָגישער אנטיסעמיטיזם, דאָס איז אַ אונערהערטע זאַך.

דער ראַט פון די יודישער קהלה און דער קלוב פון די יודישע ראַטמענער ברויכען זיך מיט דעם פיינליכען ענין צו פעראינטערעסירען און אָנווענדען אַלע מיטלען אַז קודם כל זאָל דער שטיין מיט די אויפשריפט בעזייטיגט ווערען.

הגם דער אנטיסעמיטישער אדוואקאַט האָט אָפשר געהאַט ראַט רעכט צו שטעלען דעם שטיין אויף אַ פלאַץ, וואָס איז זיין אייגענטום אָבער אַזאַ אויפשריפט העצט דאָך איין טייל בעפעלקערונג געגען דער צווייטער און דאָס איז דאָך זיכער געזעצליך פערבאָטען.

די יודישע געזעלשאַפט קאָן אַזאַ זאַך נישט פערשווייגען און עס איז צו האָפען, אַז די אויפזיכט'ס מאַכט וועט דעם גערעכטען פערלאַנג ערפילען.

ל.

## צו אונזערע לעזער אין קעלץ.

מיר ווענדען זיך צו אונזערע אַבאָנענטען און אַנאָנסען-געבער אין קעלץ, זיי זאָלען סוף כל סוף רעגולירען זייערע חובות פאַר די צייטונג און פאַר די אַנאָנסען. אונזער אינקאַסענט קומט די צווייטע וואָך קיין קעלץ און מיר בעטען די אַלע דערמאָנטע ה"ח נישט פערלאַנגען פון אינקאַסענט ער זאָל ברעכען ביי זיי די פיס און מיעד ווערען געהענדיג צו זיי אומצעהליגע מאָהל.

אויב עמיצער איז אויסען מיט זיין אָבשלעפען זיך אַרויסצודרעהען פון בעצאָהלען זאָל ער אָפען ערקלערען דעם אינקאַסענט, אַז ער וויל נישט בעצאָהלען. וועלען מיר וויסען, אַז ער האָט דעם מוט צופערלאַנגען מיר זאָלען שיקען די צייטונג פאַר מאָנאַטען לאַנג, ווי אויך פאַר די אַנאָנסען, וואָס ער האָט געדרוקט אין אונזער צייטונג. וועט דאַן דער אינקאַסענט פערשפּאָרען דאָס לויפעניש און מיר וועלען אויך וויסען ווי אַזוי צו רעאגירען אויף אַזאַ אומדערהערטע האַנדלונג.

אַדמיניסטראַציע ראַד. קעלצער-לעבען אין ראַדאָם.


מיט גרויס ערשיטערונג, אונד פון טיפען מיינעם הערצען דריקקע איך אויס מיין גרעסטען מיטגעפיהל דער פאַמיליע גאָטליעב פון ראַדאָם צוליב'ן טויט פון זייערן טהייערען אונפערגעסליכען מאַן אונד פאָטער

ר' אלי נ"ע

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

א. צימערמאַנן, קעלץ.



**Ostrzeżenie.**

Ogłasza się bojkot wszystkich posad w szkole mizrachistycznej „JABNE" w Kielcach z powodu nieuregulowania zaległości za 4 i pół miesiąca nikomu z 8-miu pracowników tej szkoły, Ostrzega się ogół nauczycielstwa przed obejmowaniem posad na rok szkolny 1931/2 w tejże szkole.

**Zaw. Zrzesz. Naucz, Szkół Pow. Rzeczypospolitej Polskiej.**

# בעקאנטמאכונג.

די געזעלשאפט **לינת-הצדק** מאכט דערמיט בעקאנט אז זונטאג דען 9/VIII 5 אזייגער אווענר איז אייגענעם לאקאל (רווינסקא 1) קומט פאר

## די ציהונג פון דער פאנטען-לאטעריע

איינגעארדענט דורך א. ד. געזעלשאפט.

גלייכצייטיג מעלדען מיר, אז די יעניגע, וועלכע ווילען דאס זייערע נומערן זאלען אריינגעהן אין זכח בגורל מוזען ביז 9/8 איינצאהלען פאר די די בילעטען. אין געגענפאל נישט קוקענדיג, וואס זיי בעזיצען די בילעטען, דאך וועלען די נומערן פון זייערע בילעטען נישט ווערען אריינגערעכענט אין זכה בגורל. מיט כבוד

געזעלשאפט „לינת הצדק" ראדאם.

Biuro próśb, windykacji i buchalterji

# „EXPRESS"

RADOM, ul. ŻEROMSKIEGO 9 (Jacka Malczewskiego 6)

**za dostępną opłatę**

**Radaguje** prośby, podania, odwołania, umowy it.p.

**załatwia** korespondencję handlową i prywatną.

**przepisuje** na maszynach i tłumaczy wszystkie języki.

**windykuje** należności miejscowe i zamiejscowe

**informuje** o zdolności kredytowej.

**i załatwia wogóle wszystkie czynności w zakres biurowościwchodzące**

Tanio! Szybko! Solidnie!

# בעקאנטמאכונג.

דעם 21-טן פ. מ. איז פארגעקומען א אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער **חברה קדישא** און **„חסד של אמת".**

ס'איז אויסגעוועהלט געווארען א נייע פערוואלטונג אין וועלכער ס'זענען אריין די ה"ה: חיים מאנדעלזיס, יאנקעל פישמאן, מיכאל ריכטמאן, משה בונם ריכטמאן, יצחק ביאלסקי, משה לייב אסטראוויעצקי.

די פערזאמלונג איז געפיהרט געווארען אונטער דער פארזיץ פון ה' יונה זילבערבערג, ביי דער בייזיץ פון די אסעסארען ירחמיאל גוטמאן, יאנקעל באנקער און סעקרעטאר קויפמאן.

די נייע פערוואלטונג האט אויף איהר קאנסטיטואירונג'ס-זיצונג אויסגעוועהלט אלס פרעזעס דעם ה' יצחק ביאלסקי; אלס-וויצע דעם ה' מיכאל פישמאן, סקארבניק — משה בונם ריכטמאן; סעקרעטאר — מיכאל ריכטמאן געהילף — מאנדעל.

# ביליג! נוצט אויס די געלעגענהייט. ביליג!

די שוין אין ראדאם גוט-בעקאנטע דרוקעריי „רעקארד" ראדאם, זשעראמסקי (לובלינער) 9 איז די איינציגע אין ראדאם, וועלכע פערטיגט אויס אלערליי **דרוק-ארבייט** צו זעהר ביליגע פרייזען סאלידע ארבייט! לעצטע מאדערנע שריפטען. קומט און איבערצייגט אייך! נור אויף א קורצע צייט. 100 וויזיטובקעס צוזאמען מיט דרוק 1.50 זל.

# GAZOWNIA

## MIEJSKA

פערקויפט צו צוגענגליכע פרייזען

**קעכלער** גאזאווע איינס און צוויי פלאמיגע

**קעכלעך** פאמילינע און האטעלאווע

**אייוועלעך** צום באדען

**אייוועלעך** צום בראטען

**אייזענס** צום פרעסען פאר פריוואט און פאר שניידער

**הייצערס** צו פריזירער רעדלעך

**„טערמא"** אטאמאטישע אויף צו דערווארמען וואסער פאר דאקטוירים, דענטיסטען, פריזירערס און עהנליכע פראפעסיעס.

אלערליי גאז-אפאראטען ווערען פערקויפט

——— אויף צוגענגליכע בעדינגונגען. ———

די גאזאווניע פיהרט אויס שטופ-אינסטאלאציעס

**אויף אויסצוצאהלען אין 12 ראטעס.**

די גאז-אפאראטען קען מען בעקוקען אין די סקלאדעס פון די גאזאווניע אויף מלאדזשאנאוו פון 10 ביז 2 נ. מ.

אלע אינפארמאציעס ערטיילט די ביורא פון די גאזאווניע טעל. 134.

Został otwarty w Radomiu

# wolny skład Soli

Sprzedaż: ŻEROMSKIEGO 51
Składy: ŻEROMSKIEGO 120.


## בעריהמטער סטאניעווסקי-צירק אין ראדאם

דער סטאניעווסקי-צירק, וועלכער האט דא נישט לאנג געווילט און ארויסגערופען בעוואונדערונג פון ראדאמער פובליקום מיט זיינע רייכע און אויסערגעוועהנליך-אינטערעסאנטע אטראקציעס — מאכט צום צווייטען מאהל א בעזוך אין אונזער שטאדט, אויף זיין טורנעע איבער פוילען. דער זעלבער צירק איז אייגער פון די רייכסטע און פערמאגט פערשידענע אבטיילונגען. דאס מאהל וועט דער סטאניעווסקי-צירק וויזען נאך נייערע און אריגינעלע אטראקציעס אין א זעלטען שעהנעם רייכען פראגראם.

די ערעפנונג פון צירק קומט פאר היינטיגען פרייטאג.

## יצחק פעלד אין ראדאם

ווי מיר האבען שוין געשריבען, וועלען מיר האבען צו-גאסט דעם בעריהמטען יודישען ארטיסט יצחק פעלד, וועלכער איז בעזונדערס בעליבט אין ראדאם, וואו ער האט מיט אייניגע יאהר צוריק געשפיעלט א לענגערע צייט מיט גרויס ערפאלג.

זיין בעזוך אין ראדאם ווערט פון זיינע פיעל פערהערער ערווארט מיט גרויס אינטערעס.

Redaktor Ch. M Herc

Drukarnia Wyd. Radomer-Kielcer Leben" Radom Sewarlikowska 20